# יו"ט פסח זמן חירותינו

## א. עניני שבת הגדול וליל הסדר

**א] צו** מבאר זיין דער ענין הידוע וואס אסאך צדיקים זי"ע האבן זיך געפירט אז מען האט נישט אנגעהויבן פירן דעם סדר, נאר דערנאך וואס מען האט נאכגעזאגט תורות מצדיקי אמת זי"ע, און אזוי אויך האבן זיי געלייגט אויפן טיש ספה"ק פון צדיקי אמת זי"ע, און האבן געזאגט אז מיטן כח פון די צדיקים וועלן מיר אפרעכטן דעם הייליגן סדר, וואס דאס איז דער סדר אויף א גאנץ יאהר הבעל"ט (עיין ספה"ק בית אהרן).

**כידוע** אז דער עבודת הלילה הזה איז גבוה מעל גבוה וכידוע אז ביים ליל הסדר איז מען מתקן די פגם אדם הראשון (עיין תחילת דרוש פסח בשער הכוונות (א), וואס דאס איז דער פגם הגלות והיינו אז ביים לילה הקדוש הזה ווערט נתנוצץ דער אור הגאולה ותיקון השלם, אבער דאס איז נאר בבחי' עיבור דהיינו בהעלמה, אזוי ווי דער עיבור איז אויך זוכה צו גאר הויכע מדרגות בבחי' אור שרואה מסוף העולם ועד סופו (נדה ל' ע"ב), וואס דאס איז דער אור הגאולה בסוד הפסוק ומלאה הארץ דעה את הוי"ה, און ווי עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אר"י זי"ע אז פסח ביינאכט ווערט נשפע אן אור האלוקי אפי' אין די מקומות השפלים ביותר דהיינו אין די עולמות הנפרדים בריאה יצירה עשיה, וואס דארט איז די מקום ירידת השכינה הק' בסוד שכינתא בגלותא (ב), ממילא דארף יעדער

---

**(א)** ווי עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן תפארת שלמה זי"ע, אויפן פסוק ומס"ל המצו"ת, מס"ל איז בגימ' ק"ל און אזוי אויך מצ"ה איז בגימ' ק"ל, און בנוסף צו אותי' ו"ה פונעם שם הוי"ה, לרמז אז מיטן כח אכילת המצה איז מען מתקן פגם אדה"ר פון די ק"ל שנים, און ממילא ווערט נתקן די יחוד קודשא ב"ה ושכינתיה [יחוד זו"ן].

**(ב)** כידוע אז אינעם יחוד הזו"ן דהיינו יחוד קודשא ב"ה ושכינתיה וואס דאס איז דער יחוד זעיר אנפין מיטן נוקבא, איז כסדר דא א בחי' פון פירוד, דהיינו אז די מקום הי' ספירות איז אינעם עולם אצילות [מלשון אצל דהיינו –נעבן– וויבאלד דער עולם אצילות איז גאר נאנט צום אור אין סוף ב"ה], און ברוב חטאינו איז דער שכינה אין גלות דהיינו אז ספי' מלכות נידערט אראפ אין די עולמות בריאה יצירה עשיה וואס זיי ווערן אנגערופן עולמות הנפרדים פון אצילות, [והגם עס איז דא אין דעם צוויי בחי' דהיינו א' די

זעהן צו מאכן אן הכנה דרבה אויף די גרויסע אור, כדי מען זאל זיך קענען מיטכאפן מיטן עליית השכינה און מען זאל זוכה זיין ארויסצוגיין יעדער פון זיין גלות הפרטי, און גאנץ כלל ישראל זאל שוין זוכה זיין ארויסצוגיין פונעם גלות הכללי.

**ב] אבער** ווי מיר האבן פריער דערמאנט אז דער אור ליל הסדר איז בבחי' מוחין דעיבור, דהיינו אז עס איז טמיר ונעלם בבחי' כוס של אליהו הנביא זכור לטוב, וואס דאס איז דער אור הגאולה בבחי' אור הכתר וואס איז אויך טמיר ונעלם, און זוכה זיין צו דעם אור דארף מען זיך קודם מדבק זיין אינעם תוה"ק וואס איז בבחי' מים חיים בבחי' חכמה בבחי' אורייתא מחכמה נפקת, וואס דאס זאגן מיר דעה חכמה לנפשך והיא כתר לראשך, דהיינו אז דורכן דביקות אינעם תורה"ק וואס איז בבחי' סם החיים הנותן חיים ללומדיה (ג), קען מען ניצול ווערן פון די שלש קלי' המוציאין את האדם מן העולם דהיינו קנאה ותאוה וכבוד, וואס זיי זענען מוציא דעם מענטש פונעם עולם האצילות אינעם עולמות בריאה יצירה עשיה, און ממילא קען מען זוכה זיין זיך אנצוקלעבן אינעם אור הכתר וואס ווערט נתגלה בליל הסדר הק'.

**וידוע** אז דער עיקר קדושת התורה איז דער תורה בבחי' תורה שלמדתי באף, דהיינו די תורה וואס צדיקי אמת האבן געלערנט תורה לשמה מתוך צער ויסורים ודחקות, די תורה וואס איז בבחי' שדה דהיינו בבחי' מחוץ למחנה דהיינו מתוך שפלות ועניות, די תורה איז בסוד מים חיים [בחי' חכמה] על פני השדה [בחי' מלכות שכינה הק'], די תורה האט דער אמת'ע קדושה און השפעה אויפן מענטש, ווייל דאס איז דער תורה וואס האט אין זיך איין שטיק שכינה הק' וואס איז בבחי' חקל תפוחין דהיינו בחי' מלכות, וואס די תורה איז באמת מעלה די שכינה הק' העכער און העכער פון די עולמות בריאה יצירה עשיה למקומה הק' בעולם האצילות, ממילא דארף מען זיך מקשר זיין צו צדיקי אמת און אין זייערע הייליגע ספרים הק' דברי אלוקים חיים ממש, וואס דורך זיי קען מען בנקל זוכה זיין צו דער אור הכתר והגאולה בפרטית ובכללית בליל הסדר.

---

עולמות בריאה יצירה עשיה וואס געהערן צו אצילות –כידוע אז אצילות אליינס האט אויך פאר זיך אצילות בריאה יצירה עשיה–, ב' די עולמות בריאה יצירה עשיה ממש וואס ווערן אנגערופן די מקום הקלי', אבער פסח ביינאכט קומט אראפ א הארה אפי' בבחי' מ"ט שערי טומאה בבחי' אור הגאולה העתודה.

**(ג)** כידוע פון חז"ל און פון צדיקי אמת אז דער גרעסטער הכנה מען זאל זוכה זיין צו זיין א כלי קיבול צו די השפעות פונעם יו"ט, איז דער עסק בעניני היו"ט דורך לימוד התורה הק', בסוד משה תיקן להם לישראל וכו', משה בחי' דעת דעת איז דער בחי' פון התקשרות דהיינו אז דער עיקר ההתקשרות צו קדושת היו"ט איז מיט תורת משה רבינו ע"ה.

ג] **און** דאס איז אויך דער בחי' פון שבת הגדול וואס אין די שבת ליגט דער גאנצע כח והשפעת היו"ט, ווי דער זוה"ק זאגט כל בירכאן דלעילא ותתא ביומא שביעא תלין דהיינו אז אין יעדע שבת קודש איז פארהאן בכח די גאנצע קומענדיגע וואך, אבער לעניננו איז דער ווארט אז וויבאלד שבת קודש איז דער גאנצע עבודות השי"ת מיט מעהר אמת (ד), און מיט מעהר הזדככות וטהרה אן קיין בחי' הקלי' בבחי' קנאה תאוה וכבוד, ממילא קען מען אינעם הייליגן שבת הגדול זוכה זיין זיך אויסצורייניגן פון די אלע שאור שבעיסה וי' כתרין דמסואבותא, דהיינו די צעהן קלי' הטמאות וואס דאס איז דער ענין פון די י' פתיתי חמץ (עיין ספה"ק עבודת ישראל), און ממילא וועלן מיר זוכה זיין בליל התקדש חג צו די בחי' פון עין בעין יראו בשוב הוי"ה ציון און צו שפע הנבואה והתגלות אלקות און מיר זאלן זוכה זיין לאכל מן הזבחים ומן הפסחים בביאת גואל צדק ברחמים בב"א.

## ב. עניני ליל הסדר וספירת העומר והכנה ליו"ט בביעור חמץ

א] **לכאורה** דארף מען פארשטיין די קשר און די אויפטוה, וואס מען טוהט אויף מיטן מצוה פון בדיקת חמץ און ביעור חמץ, צו די גרויסע אורות וואס קומען אראפ ביים הייליגן ליל התקדש חג דער ליל הסדר, כידוע פון אלע צדיקי הדורות זי"ע די אלע גרויסע אורות וואס ווערן נשפע שלא בהדרגא, בבחי' פתח הוי"ה על הפסח אז אפי' די פתח כחודה של מחט דארף מען אויך נישט צו האבן, נאר אפי' דעם רשע טוהט מען מעלה זיין ביים ליל הסדר (ה), איז אויב אזוי וואס פעהלט אוים די מצוות פון בחי' סור מרע פארן יו"ט הק'.

**נאר** דער ביאור הענין איז כידוע וואס עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן אר"י הק' זי"ע (עיין שעה"כ פסח דרוש ו'), אז אין די הייליגע נאכט פון פסח ווערט נשפע אויף איין מאהל אלע בחי' המוחין, דהיינו

---

**(ד)** ווי חז"ל זאגן אז שבת מעג מען אפי' גלייבן אן עם הארץ וואס ער איז מעיד כלפי תרומות ומעשרות, ווייל אפי' עם הארץ אימת שבת עליו און ער האט מורא צו זאגן ליגנט, זעהן מיר אז אינעם שבת ווערט נתנוצץ די בחי' אמת, יומא דנשמתא כל נשמה חלק אלוקי מתחת כסא הכבוד, חותמו של הקב"ה אמת.

**(ה)** וכידוע די מורא'דיגע ביטוי פונעם הייליגן ישמח ישראל זי"ע פאר ער האט אנגעהויבן דעם עריכת הסדר, פלעגט ער אויסרופן צו אלע מסובין, אז דער וואס גלייבט נישט אז אין די הייליגע נאכט קען פון א רשע גמור ווערן אין איין רגע א צדיק גמור, ער איז דער רשע פון די הגדה און ער האט נישט וואס צו זיכן ביי מיין סדר, עכלה"ק.

די מוחין דקטנות וגדלות ראשון (ו) וואס דאס איז דער בחי׳ פון מוחין דישסו״ת [דהיינו די פרטית׳דיגע מוחין דבינה], און אויך די מוחין דקטנות וגדלות שני וואס דאס איז דער בחי׳ פון מוחין דאבא ואימא עילאין [דהיינו די פרטית׳דיגע מוחין

---

**(ו)** דער ביאור הענין בקצרה, אז עס איז פארהאן צוויי מיני מוחין מוחין דאבא ואימא עילאין דאס ווערט אנגערופן ב׳ [וואס בעצם איז דאס פרצוף החכמה, וואס דער חכמה פאר זיך האט אויך בחי׳ חכמה בינה], און מוחין דישסו״ת ישראל סבא–ותבונה דאס ווערט אנגערופן א׳ [וואס בעצם איז דאס פרצוף הבינה וואס האט אין זיך בחי׳ חכמה בינה], און אין יעדע פון די פיהר חלקים איז פארהאן מוחין דקטנות און מוחין דגדלות, בדרך עבודה קען מען דאס אויסטייטשן אין פארשידענע מהלכים כדוג׳ חכמה איז בחי׳ ביטול, אין ביטול איז פארהאן בחי׳ חכמה דהיינו ביטול בתכלית און עס איז פארהאן בחי׳ בינה התבוננות ועבודת הביטול, און אין יעדע פון זיי איז שייך בחי׳ קטנות וירידה און בחי׳ גדלות ואור בהיר.

און בדרך כלל ווערן נשפע נאר געוויסע חלקים פון די מוחין אויפן זו״ן [זעיר אנפין ונוק׳ כדי זיי זאלן זיך קענען מייחד זיין און משפיע זיין השפעות כידוע אז אלע השפעות וואס מיר האבן קומען דורכן יחוד זעיר אנפין [דהיינו די זעקס מידות] מיטן נוקבא [דהיינו מלכות] וואס דאס איז די בחי׳ פון יחוד קודשא ב״ה [זעיר אנפין] ושכינתיה [מלכות], און לויט די המשכת המוחין אויפן זו״ן אזוי גרויס קען ווערן זייער יחוד און דערנאך די השפעה], אבער ליל הפסח ווערן נשפע אלע בחי׳ המוחין בפעם אחת בתפילת מעריב בפנימי׳[וואס תפילה איז בדיבור וועגן דעם איז דאס בפנימי׳], און דערנאך בהסדר בחיצוני׳ [וויבאלד דאס איז בפועל] ביי די ד׳ כוסות ווערן נשפע די אלע בחי׳ פונעם צד השמאל דהיינו די אימא פון אבא ואימא עילאין און תבונה פון ישסו״ת סיי גדלות און סיי קטנות, דהיינו אז ביים כוס ראשון ווערן נמשך די אלע בחי׳ פונעם קו הימין דהיינו חכמה חסד נצח וואס ווערט אנגערופן חח״ן [כידוע אז די אלע י׳ ספי׳ ווערן צוטיילט אין דריי קווין קו הימין חכמה חסד נצח, קו השמאל איז בינה גבורה הוד, קו האמצעי איז כתר דעת תפארת יסוד], ביים כוס שני ווערן נמשך די אלע בחי׳ פון קו השמאל דהיינו בג״ה, ביים כוס שלישי ווערן נמשך די אלע בחי׳ פון קו האמצעי דחסדים [כידוע אז דעת איז כולל חסדים וגבורות וואס ער באקומט פונעם יחוד חכמה בינה וואס זענען העכער איהם, איז פון חכמה באקומט ער חסדים קו הימין, און פון בינה באקומט ער גבורות קו השמאל], און ביים כוס רביעי ווערן נמשך אלע בחי׳ פון קו האמצעי דגבורות, און דאס איז אלעם נאר מכח מוחין דאימא א׳ וב׳, און ביי די כזיתים פונעם מצה ווערן נשפע אלע מוחין דצד ימין דהיינו אבא און ישס״ם סיי קטנות און סיי גדלות, דהיינו ביים כזית המוציא ווערן נמשך אלע בחי׳ פון קו הימין דהיינו חח״ן, ביים כזית מצה ווערן נמשך אלע בחי׳ פון קו השמאל דהיינו בג״ה, און ביי כורך ווערן נמשך אלע בחי׳ פונעם קו האמצעי סיי די חסדים און סיי די גבורות, און ביים כזית האפיקומן איז נישט פארהאן קיין כוונות.

און נאך יו״ט ראשון של פסח ווערן די מוחין בהעלמה [כשיט׳ התורת חכם אז עס איז נישט שייך קיין סילוק המוחין], און מען איז דאס ממשיך בימי הספירה הק׳ דהיינו אז ביי יעדע יום ה׳ איז מען ממשיך די מוחין דקטנות א׳ דהיינו פון ישסו״ת סיי פון צד ימין און סיי פון צד שמאל [דהיינו סיי יש״ת און סיי תבונה], ביום א׳ איז מען ממשיך די מוחין דגדלות א׳ דימין דהיינו פון יש״ס, ביום ב׳ איז מען ממשיך די מוחין דגדלות א׳ דשמאל דהיינו פון תבונה, ביום ג׳ איז מען ממשיך די מוחין דקטנות ב׳ פון צד ימין ושמאל דהיינו פון אבא ואימא עילאין, ביום ד׳ איז מען ממשיך די מוחין דגדלות ב׳ דצד שמאל דהיינו פון אימא,

דחכמה, און דערנאך צומארגנס ווערט די בחי' פון סילוק המוחין, וויבאלד בעצם זענען נאך כלל ישראל נישט געווען ראוי צו אזעלכע גרויסע מדרגות, און דערנאך איז דער עבודה פון די אלע ימי הספירה צוריק צוברענגען די הייליגע מוחין ביזן הייליגן יו"ט שבועות דעמאלס איז מען זוכה צו דער שלימות המוחין.

**ב] והנה** עס ווערט געברענגט פונעם הייליגן תורת חכם (דף ל"ט) (ז), אז ביים ליל הסדר זענען די אלע מוחין בבחי' מוחין דעיבור [בסוד פרצוף נצח הוד יסוד], און דענאך ביי די ימי הספירה איז דאס בבחי' מוחין דיניקה [בסוד פרצוף חסד גבורה תפארת], און ביים יו"ט שבועות איז דאס בבחי' מוחין דגדלות [בסוד פרצוף חכמה בינה דעת], אבער אין זוה"ק ווערט געברענגט (פר' אמור) אז דער זיווג פון ליל הסדר איז דער גרעסטער בחי' פונעם זיווג עליון בבחי' זיווגא עילאה מסטרא דיליה, און דאס ווערט נשפע ביי תפילת ערבית בבחי' פנימיות, און דענאך ביים סדר ווערט דאס נשפע בבחי' חיצוניות, ולפי זה קומט אויס אז ביים סדר נאכט איז דער בחי' המוחין אויף גאר א הויכן פארנעם און נישט נאר בבחי' מוחין דעיבור.

**אבער** באמת איז דאס נישט קיין סתירה, כידוע אז ביים ליל הסדר באקומט די זו"ן [זעיר אנפין ונוקבא דהיינו די זעקס מידות מיטן מלכות] (ח) גאר א גרויסע השפעה פון יחוד העליון מוחין דגדלות שלא בהדרגה כלל, וואס דערפאר ווערט עס אנגערופן זיווגא מסטרא דיליה דהיינו אז דאס איז בכלל נישט מכח מעשינו נאר דאס איז בלויז א חסד הוי"ה ברוב רחמיו וחסדיו, ממילא ווערט דאס אנגערופן מוחין דעיבור דהיינו אזוי ווי דער עיבור באקומט גאר גרויסע מדרגות לומד כל התורה כולה רואה מסוף העולם ועד סופו, הגם ער אליינס פאר זיך האט בכלל נישט די כלים צו דעם, ווי חז"ל הק' זאגן אוכל מה שאימו אוכלת ושותה מה שאימו שותת, עכ"ז האט ער בפנימיות גרויסע מדרגות בבחי'

---

ביום ו' איז מען ממשיך די הארה און די התחלה פון די מוחין דגדלות ב' דימין דהיינו אבא, און ביום ז' איז מען ממשיך די עצמיות און די גמר מוחין דגדלות ב' דימין וואס דאס איז די גרעסטע מוחין, אבער בעצם איז יום שביעי של פסח די גרעסטע טאג הגם עס האט זיך נאך נישט געענדיגט די אלע מוחין דגדלות, אבער וויבאלד די התחלה איז שוין דא הכל הולך בתר ההתחלה ודו"ק.

**(ז)** וואס כידוע איז דער מהלך פונעם הייליגן תורת חכם אז עס איז נישט פארהאן אזא מושג פון סילוק המוחין, נאר אדרבה דער סדר איז אז מען גייט ארויף העכער און העכער בעבודת השי"ת, ממילא איז זיין מהלך אויף אן אנדער אופן.

**(ח)** כידוע ווי שוין אסאך מאהל דערמאנט אז די אלע השפעות וואס ווערן נשפע אויף אונז איז מכח דער יחוד פון זעיר אנפין מיטן נוקבא בסוד יחוד קודשא ב"ה [זעיר אנפין] ושכינתיה [נוקבא], ממילא אז פסח ווערט נשפע א גאר גרויסע השפעה איז דער פשט אז עס איז דא גאר א גרויסע זיווג צווישן זעיר אנפין מיטן נוקבא.

תלת גו תלת (ט), דהיינו בבחי' נצח הוד יסוד וואס אין זיי זענען באהאלטן די בחי' פון חסד גבורה תפארת, און דערנאך בימי הספירה טוהט מען מוציא זיין מכח אל הפועל בבחי' פרצוף חסד גבורה תפארת, דהיינו וויבאלד מען איז זיך מייגע צוביסלעך קען מען זוכה זיין צו די ערשטע מדרגה פון די מוחין, און ערשט ביים יו"ט שבועות זמן מתן תורתינו הק' קען מען זוכה זיין בשלימות צו די מוחין.

**און** דערפאר ווערן די מוחין דליל הסדר אנגערופן מוחין דעיבור, וויבאלד דאס זענען גאר הויכע און טיפע מדרגות וואס מען קען עס בכלל נישט משיג זיין, אזוי ווי דער הייליגע לש"ם איז מגדיר דער אור ליל הסדר אזוי ווי בתולה שנתעברה דהיינו אז מיר באקומען מוחין עילאין וואס מיר זענען בעצם אפי' נישט ראוי צו דעם.

**ולכן** איז דער עיקר עבודה פונעם הכנה לליל הסדר צו זיך מטהר ומזכך זיין זוכה צו זיין צו ווערן א כלי קיבול צו די מדרגות, אבער דער עיקר הכנה איז מיט ביעור חמץ, דהיינו צו וויסן בידיעה ברורה וידועה שלימה, אז אנן משלחן גבוה קא זכינן, דהיינו אז מיר זענען בעצם צו גארנישט ווערד, נאר אלע מדרגות וואס מיר זענען זוכה איז בלויז רחמים וחסדים מגולים ממש פון דער בורא כל עולמים, און ממילא אויב מען פארמאגט באמת דער כח הביטול בשלימות ווערט מען טאקע ווי אן עיבור במעי אימו, איז מען דאך זוכה צו אלע מדרגות פון ליל הסדר, און דערנאך קען מען זוכה זיין עולה צו זיין העכער און העכער, זאל השי"ת העלפן מיר זאלן באמת זוכה זיין צו דער מדרגה פון ביטול הגמור בבחי' עיבור במעי אימו און מען זאל זוכה זיין צו אלע הויכע מדרגות פונעם ליל הסדר.

## ג. וירא הוי"ה כי סר לראות

**א] עס** ווערט געברענגט אין כתבי האר"י הק' (שעה"כ דרושי פסח א') אז דער עיקר אחיזה פון פרעה הרשע איז אינעם מקום הגרון [האלדז], וואס אינעם גרון איז פארהאן דער דעת (י), און ער איז יונק מכח דער שם אלוקים [מידת הדין] וואס גרו"ן

---

**(ט)** וכידוע פון ספה"ק (נועם אלימלך) אז דערפאר באקומט אן עיבור אזעלעכע גרויסע מדרגות, כדי ער זאל שפעטער בחיים חיותו קענען זוכה זיין משיג צו זיין כל חלקי התורה, וויבאלד ער דארף דאס נאר מוציא זיין מכח אל הפועל, און נאך ווערט געברענגט אז ווען נישט ער זאל האבן משיג געווען אלע מדרגות וואלט נישט געווען מעגליך ער זאל דערנאך אלס אדם הגשמי זוכה זיין צו אזעלעכע לויטערע אורות.

**(י)** כידוע אז כדי די ז"א זאל זיך מייחד זיין מיטן נוקבא דארפן זיי באקומען מוחין, ווייל אן דער כח המוח איז נישט שייך צו זיך מייחד זיין און מוליד זיין שפע, אבער כידוע אז די מוחין פון די ז"א האבן נישט קיין

איז בגימ' דריי מאהל שם אלקי"ם, אבער ער איז ח"ו נישט יונק מכח דער שם הוי"ה וואס געפונט אינעם גרון [עיין הערה לעיל].

**דער** ביאור הענין בדרך העבודה איז כידוע אז דער עיקר לימוד התורה הק' [בחי' חכמה עילאה] דארף צו זיין בבחי' הולדת בן ובת [ז"א–בן נוקבא–בת], דהיינו אז דער מענטש זאל זוכה זיין דורכן דביקות התורה צו יראה ואהבה עילאין באמת, בסוד הפסוק ד"ע את אלוקי אביך ועבדה"ו דהיינו אז דער עיקר לימוד התורה תורת משה וואס ווערט אנגערופן בבחי' דעת [יודע דעת עליון], דארף צו זיין צוצוברענגען דער מענטש צום תכלית העבודה האמיתית והשלימה בדחילו ורחימו, ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (שמות רבה ל"ג) אמר הקב"ה לישראל השי"ת זאגט צו כלל ישראל איך האב ענק פארקויפט מיין תורה, כביכול איך האב זיך צוזאמען פארקויפט מיט איהר צו ענק, דהיינו אז דער עיקר לימוד התורה איז דער דביקות ביחוד אור הוי"ה ב"ה וואס איז טמיר ונעלם אינעם תורה הק', ווי חז"ל זאגן כל התורה כולה שמותיו של הקב"ה הם, און דאס דארף זיין דער אמת'ע דרך אין לימוד התורה הק', קודם כל ללמוד צו פארשטיין די תורה על בוריו און דערנאך להבין ולהשכיל בחי' חכמה בינה דהיינו זיך מתבונן זיין באור אלוקותו ית"ש וואס איז אינעם תורה הק', און זיך צו לערנען א נייעם דרך בעבודת השי"ת, דאס הייסט דער אמת'ע דביקות בלימוד התורה"ק, און אזוי דערנאך איז מען ממשיך בכח דעת התחתון דער גילוי אלוקותו ית"ש אויפן גאנצן קומה שלימה פונעם מענטש.

---

כח היחוד [כידוע אז די ז"א זענען נישט בלויז ו' מידות זיי האבן אויך די בחי' פון מוחין נאר וויבאלד זיי זענען גאר קליין דעקענט זיך דאס נישט], ממילא דארף מען ממשיך זיין מכח די העכערע מוחין די כח אויף זייערע מוחין, איז קודם איז מען ממשיך די כח פון די מוחין דישסו"ת און דענאך די כח מוחין דאבא ואימא עילאין, אבער כידוע אז די מוחין קענען נישט נשפע ווערן נאר דורכן כח הדעת וואס איז מקשר די מוחין כדי זיי זאלן זיך קענען מייחד זיין, און דערנאך איז פארהאן די כח דעת התחתון וואס איז מקשר די כח המוחין מיט די ז"א ונוקבא.

און כידוע אז די מוחין ווערן אנגערופן בבחי' ראש און די ז"א ונק' זענען בבחי' גופו של האדם, ממילא ביים גרון געפונט זיך דער כח דעת התחתון וואס איז מקשר די השפעה פונעם ראש ביזן גוף כביכול, און די גרון איז גאר א שמאהלע פלאץ דהיינו אז די השפעה פונעם גרויסן ראש דארף זיך אדורכשטיפן די מקום הגרון הצר, וואס דאס איז די בחי' פון די קלי' וואס זענען מעכב די השפעה זאלן נישט אדורכגיין פונעם ראש צום גוף, דהיינו אז עס זאל נישט ווערן די יחוד ז"א ונק', דהיינו אז די אחור הגרון איז דער עור"ף וואס דאס איז בחי' פרע"ה, וואס דאס איז דער בחי' פון גלות הדעת דהיינו אז אינעם מקום הדעת האט זיך דער פרעה ארייגעכאפט, און אזוי אויך איז זה לעומת זה פון פארנט צום גרון איז פארהאן דער שם הק' יב"ק, וואס איז בגימ' הוי"ה אהי"ה אדנ"י, וואס דאס איז א שמירה אקעגן די חיצונים בסוד הפסוק ויעבור את מעבר יב"ק ויקחם ויעבירם את הנח"ל, דהיינו אז דורכן כח השם הק' יב"ק ווערן נמשך כנח"ל העליון די השפעות טובות.

**ב] אבער** די בחי' פון גלות מצרים איז דער בחי' פון גלות הדעת, דהיינו אז במקום ההתקשרות פונעם מוח ביזן כל גופו של אדם, מישט זיך אריין די קלי' פרע"ה וואס דאס איז דער בחי' פון עץ הדעת טוב ורע, דהיינו אז ער ברענגט אריין אינעם מענטש די בחי' פון גאוה וישות רח"ל, וואס דעמאלם ווערט די בחי' פון אין אני והוא יכולים לדיר רח"ל, ממילא איז אוים השראת השכינה אוים דהילו ורחימו אוים דעת המקשר בין המוח להמידות, און דאס איז די בחי' פון גלות הדעת וואס איז געווען אין מצרים (יא), און דאס איז גורם אויף די אלע בחי' פון גלות אמאהל איז דער מענטש בבחי' טהור און אמאהל בבחי' טמא אמאהל כשר און אמאהל אסור בבחי' עץ הדעת טו"ב ור"ע, דאס אלעם איז וויבאלד דער מענטש האלט זיך פאר א יש ער פארשטייט און ער ווייסט, ממילא האט ער נישט די כח דע"ת התורה הק' וואס זאל איהם אוועקשטעלן, נאר ער ווערט געפירט פון זיין אייגענע פאלשע כח הדעת דקלי' רח"ל.

**ג] האט** אבער השי"ת דער מלא רחמים ברוב חסדו למען לא ידח ממנו נידח, האט ער משפיע געווען אז ווי נאר דער מענטש פאלט אריין אין גאוה וישות רח"ל, ווערט די בחי' פונעם שם הוי"ה הק' פונעם גרון נסתלק, כדי דער פגם זאל נישט אנקומען ביזן שם הוי"ה ב"ה ווייל אויב דער פגם וואלט ח"ו אנגעקומען ביזן שם הוי"ה ב"ה, וואלט געווען גאר שווער דאס צו מתקן זיין, און דאס איז דער בחי' אז ווען א מענטש לערנט די תורה הק' מיט גאוה וישות האט ער נישט קיין שום השגה פנימי' דורכן תורה הק' און עס ברענגט איהם נישט צו צו קיין חכמה אמיתית, דאס איז דערפאר וואס די עצמיות החסדים [בחי' שם הוי"ה] איז נסתלק געווארן, און עס בלייבט נאר איבער די בחי' פון די חסדים החיצוני' דהיינו דער בחי' פון לבושי שם הוי"ה, וואס דאס איז דער שם אהי"ה (יב), און דאס איז

---

**(יא)** לפי"ז קען אפשר זיין אז דאס איז דער פשט פונעם רש"י אין פר' ויחי כיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם וליבם של ישראל, וואס די דיוקים זענען באקאנט פאר יעדן ואכהמ"ל, אבער לפי הנ"ל איז דער ביאור אז יעקב אע"ה האט ארויסגעשיקט יהודה להורות לפניו אוועקצושטעלן א בית תלמוד וישיבה, ווייל ער האט געוואלט פארמיידן די גלות הדעת, אבער כיון שנפטר יעקב אע"ה וואס ער איז בבחי' תתן אמת ליעקב חותמו של הקב"ה אמת בחי' פני הוי"ה תרין תפוחין קדישין, איז נסתלק געווארן די אור פני הוי"ה און עס איז געווארן א בחי' פון נסתמו עיניהם דהיינו די ראש, און ממילא איז דענאך געווארן די בחי' פון נסתמו ליבם דהיינו די בחי' פון ז"א גופו של אדם ודו"ק.

**(יב)** בדרך אפשר איז דער ווארט כידוע אז דער שם אהי"ה איז דער בחי' פון בינה תשובה בסוד הפסוק ולבבו יבין ושב ורפא לו, און דאס איז דער בחי' פון אהי"ה מלשון "איך וועל ווערן און זיין גוט", וכידוע וואס חז"ל זאגן אז מעולם לא נעלו דלת בפני השבים בבחי' בכל יום אחכה לו וגו' כי לא תחפוץ וגו' כי אם בשוב מרשעה וחיה, ולכן איז דער השפעה פונעם שם אהי"ה שטענדיג דא.

נאר לטובת האדם אז דער סט"א זאל זיך ח"ו נישט אריינכאפן אינעם שם הוי"ה ב"ה.

**און** דאס שטייט ביי משה רבינו ע"ה וואס ער האט געמיינט אז דער פגם קומט אן ביזן כח י' פעמים שם הוי"ה וואס איז בגימ' ס"ר, ולכן האט ער געמיינט אז עס איז נאך נישט אנגעקומען די זמן הקץ, האט איהם השי"ת מגלה געווען אז דער שם הוי"ה ווערט נסתלק בבחי' וירא הוי"ה כי סר לראות, און עס בלייבט נאר די בחי' פונעם שם אהי"ה וואס י' מאהל שם אהי"ה איז בגימ' רד"ו, ממילא אויב אזוי איז שוין געקומען די זמן הקץ זמן הגאולה, זאל השי"ת העלפן מיר זאלן ניצול ווערן פונעם קלי' פרע"ה גלות הדעת און מיר זאלן אינגאנצן ארויסגיין פון אלע פגמים און זוכה זיין צו דביקות שם הוי"ה ב"ה וב"ש אמן ואמן.

### ד. יו"ט חג הפסח זמן האמונה

**א] עס** ווערט געברענגט אין כתבי האר"י הק' זי"ע (שעה"כ דרוש פסח א'), אז דער עיקר יניקה פון פרעה איז מכח דער שם אלקי"ם (יג), אבער דער עיקר היניקה איז פון די אותי' מ"י פונעם שם אזוי ווי פרעה האט געזאגט צו משה רבינו ע"ה מ"י הוי"ה אשר אשמע בקולו, אבער השי"ת האט געזאגט פאר משה למען שיתי אותותי אל"ה בקרבו, דהיינו דער שלימות שם אלקי"ם.

**זעהן** מיר פון דעם אז די אותי' מ"י איז מעהר בחי' דין ווי די אותי' אל"ה, און דער ענין פון דעם איז כידוע אז די שם א"ל איז די בחי' חסד בסוד הפסוק חסד א"ל כל היום, און דאס איז בבחי' זכר [מלשון הפסוק אילי מואב אי"ל לשון דוכרא], און די אותי' י"ם איז בבחי' נקבה, און דער אות ה' איז דער ממוצע צווישן די אותי' א"ל און די אותי' י"ם, דהיינו אז דער אות ה' פירט אריבער די שפע פונעם בחי' זכ צו בחי' נקבה (יד), און ווי עס ווערט געברענגט אין זוה"ק איז ביי די קלי' די כח הנקבה שטערקער פונעם כח הזכר, ממילא האט פרעה הרשע דער גרויסע

---

(יג) ווי שוין אויבן דערמאנט אז דער מקום קלי' פרעה איז אינעם גרון, וואס אינעם מקום הגרון איז פארהאן די מקום העורף, וואס איז מעכב די השפעות פונעם ראש עס זאל נישט האבן קיין קשר מיטן גוף דהיינו די מידות, וכידוע איז אין די מקום העורף פארהאן די ג' שמות אלקים, וואס ווייזט אויפן בחי' דינים, און אקעגן זיי איז דא די שם יב"ק וואס איז בגימ' הוי"ה אהי"ה אדנ"י, וואס בכח די שם הק' איז פארהאן א שמירה העליונה אויפן שפע.

(יד) כידוע אז יעדע מאהל וואס עס איז פארהאן אן השפעה איז דא קודם כל א פארמיטלער צווישן דער משפיע און די מקבל, וואס דאס איז בבחי' וכדוג' הדעת ויסוד וואס זענען די פארמיטלער צווישן די מוחין

קליפה יונק געווען פון די אותי' מ"י פונעם שם אלקי"ם.

**ב] והנה** די אותי' אל"ה איז מרמז אויף די ו' מידות [זעיר אנפין], ווייל אל"ה איז נוט' ל"ו (עיין הקדמת הזוה"ק) וואס דאס באטרעפט ו' מאהל די ו' מידות [כידוע אז יעדע פון די ו' מידות איז אויך כלול פון ו' מידות פרטיות], דהיינו אז עס איז פארהאן צוויי מהלכים ווי אזוי זיך מדבק זיין באחדותו ית"ש, וואס דאס איז בסוד הפסוקים וואס איין פסוק שטייט כי לא ראיתם כל תמונה און אין אן אנדער פסוק שטייט ותמונת הוי"ה יביט, דער ישוב הפסוקים איז אז עס איז דא צוויי פארשידענע דרכים בדביקות הוי"ה, איין דרך איז דער דביקות אין שמות הק' ובפרט אינעם שם הוי"ה, וואס השי"ת האט אונז געגעבן רשות זיך צו מדבק זיין אינעם שם הוי"ה און אין אלע שמות הק', וואס דאס איז דער בחי' בסוד הפסוק ותמונת הוי"ה יביט בבחי' יחודא תתאה בסוד המידות הק' זעיר אנפין דקדושה.

**און** דער צווייטער דרך איז דער דביקות בבחי' אור פשוט, דהיינו דער התבוננות בגדלות הבורא ית"ש ביז מען קומט צו צו די הכרה, אז אלעס איז בלויז בהירות אחדותו ואלוקותו ית"ש ואין עוד מלבדו ממש כפשוטו, און דאס איז דער דרך בסוד הפסוק כי לא ראיתם כל תמונה, ווייל די דביקות איז נישט אויף אן אופן פון זיך צו מצייר זיין דער שם הוי"ה פאר זיך, נאר די גאנצע דביקות איז בלויז דביקות באור פשוט אור בהיר ממש בבחי' יחודא עילאה בבחי' מוחין.

**און** זה לעומת זה איז ביי די קלי' להבדיל אויך שייך צוויי פארשידענע מהלכים ווי אזוי מען קען פוגם זיין אין אמונה רח"ל, דער ערשטע מהלך איז אזוי ווי עס איז געווען ביים חטא העגל וואס די אידן האבן געזאגט אל"ה אלוהיך וגו', און דאס איז אויך געווען דער פגם ביי ירבעם בן נבט וואס ער האט געמאכט די עגלי הזהב רח"ל, והיינו אז וויבאלד דער גאנצע בריאה איז דאך מלא באחדותו ית"ש, ממילא קומט דאך אוים אז א יעדע דבר גשמי האט אין זיך אלוקות, קען מען דאך דינען ח"ו די אלוקות וואס איז אינעם חפץ, ובפרט ווען עס רעדט זיך פון דברים של זהב וכסף וואס שיינען בגוונין נהירין, אבער דאס זאגט דאך דער הייליגע תורה לא תעשון איתי אלהי כסף ואלהי זהב, און דאס וואס עס שטייט ותמונת הוי"ה יביט רעדט זיך דווקא אינעם דביקות שם הוי"ה ב"ה וב"ש, דאס איז דער פגם ביחודא תתאה אין די עולמות בריאה יצירה עשיה, בבחי' פגם הז"א דהיינו די התנהגות הבריאה ומידות השי"ת [און דאס איז קלי' עשו].

---

און די מקבלי השפע, אזוי אויך איז דער בחי' אות ה' די בחי' פון יסוד בסוד הפסוק ה"א לכם זרע, דהיינו די אמצעי צווישן די מידות און מלכות.

**און** דער צווייטער מהלך איז דער בחי' בסוד מ"י וואס דאס איז א גרעסערע פגם בבחי' מוחין (טו), דהיינו אז ער נעמט די אור אין סוף ב"ה און מאכט איהם פאר א ממשות אזוי ווי פרעה האט געזאגט לי יאורי ואני עשיתיני (עיין מדר"ר שמות פ"ח ב'), דהיינו ער האט מגשם געווען שמו ית' אויף זיך רח"ל, און דאס איז דער גרויסע פגם ביחודא עילאה.

**אבער** להבדיל אונז אידן ווייסן מיר קלאר מיט א בהירות אמיתית, אז אלעס איז אפס זולתו ואין עוד מלבדו, און אונז מעגן און דארפן זיך מדבק זיין באור אין סוף ב"ה, נאר בשמותיו של הקב"ה און בהתבוננות גדלותו ית"ש, ולהתוודע ולהיגלות אז הוי"ה הוא האלוהי"ם בביאת גואל צדק ברחמים בב"א.

---

**(טו)** דהיינו הגם די אותי' מ"י איז בבחי' נקבה, עכ"ז ווי מיר האבן אויבן געשמועסט אז בקלי' איז די נקבה שטערקער פונעם זכר, ממילא הייסט די נקבה בבחי' מוחין ודו"ק.

# שביעי של פסח

**א] הנה** עס ווערט געברענגט אין כתבי האר"י הק' (עיין שעה"כ פסח א'), אז דאס וואס אידישע קינדער האבן געדארפט אראפנידערן אין גלות דווקא אין מצרים ערות הארץ (א), דער ביאור הענין איז ווייל די כח נשמת כלל ישראל פון יענעם דור איז געווען בבחי' דעת דקדושה (ב), און דער עיקר אחיזה ויניקה פון קלי' פרע"ה איז אינעם עורף וואס איז די בחי' פון אחורי הדעת (ג), און דערנאך וואס די קלי' האבן ח"ו די שליטה אויפן שפע, ווערט ממילא נגרם אויפן מענטש אז ער זאל נתפס ווערן בבחי' עץ הדעת טוב ורע (עיין ע"ח שער ל"ח פ"ז), וואס כידוע איז די מקום פונעם עץ הדעת מן החזה ולמטה דהיינו בחי' נצח הוד יסוד וואס עס איז בעצם א מקום יניקת החיצונים (ד).

**און** דער ענין פון דעם איז כידוע אז די מקום המוחין איז א מקום סתום ונסתם, אבער ווען די שפע גייט אריין אין די מידות דהיינו אין די מקום עץ הדעת טוב ורע, דארטן איז א מקום ההרגשים דהיינו אז דער מענטש איז מרגיש אמאהל א דביקות והתלהבות, און אמאהל מאכט זיך אז דער מענטש איז מרגיש א קרירות און א טרוקנקייט בעבודת השי"ת, ממילא אויב דער מענטש איז בטל ומבוטל צום

---

**(א)** כידוע אז אדם עולם קטן און אזוי אויך די גאנצע וועלט איז בבחי' קומה שלימה, איז ארץ מצרים די בחי' פון ערוה מרוב ומגודל טומאתו, ווי מיר זעהן שוין ביי אברהם אע"ה דער פחד וואס ער האט געהאט אויף שרה ווען ער איז אראפ קיין מצרים.

**(ב)** דער ביאור בפשטות איז וויבאלד די אבות זענען געווען בבחי' מוחין די שבטים בבחי' דעת עליון און אותו הדור דעה איז געווען בבחי' דעת תחתון, וואס האט כולל געווען אין זיך אלע דורות ונשמות כלל ישראל כידוע.

**(ג)** ווי מיר האבן שוין מבאר געווען אז די מקום הגרון איז די מקום החיבור וואס די שפע הראש–מוחין קומט אראפ צו דער קומה שלימה–מידות פונעם מענטש וואס דאס איז די בחי' דעת לשון חיבור, און דערפאר איז די מקום הגרון א מקום פון דינים און ווי מיר זעהן טאקע אז דער גרון איז גאר א שמאהלע מקום א קעגן די ראש מיטן גוף וואס איז מרמז אויף צימצום בחי' דינים, והיינו ווייל די קלי' ווילן נישט צו לאזן די שפע אויפן מענטש, און דאס איז די בחי' פון קלי' פרעה ואכהמ"ל.

**(ד)** כידוע די מאמר חז"ל אויפן מענטש מחציו ולמטה כבהמה וואס דאס איז די בחי' פון נצח הוד יסוד, און וועגן דעם איז עס א מקום יניקה פאר די חיצונים.

בורא כ"ע בבחי' לית ליה מגרמיה כלום, וואס דאס איז בסוד האמונה בחי' דעת, ווערט ער פון גארנישט דערשראקן ער גייט נישט אריין אין גאות ח"ו ווען עס גייט איהם גוט, און ער ווערט נישט געפאלען ביי זיך ווען עס גייט איהם נישט גוט, אבער טאמער דער מענטש פאלט אריין אין ישות רח"ל ווערט ער א חוקר בבחי' טוב ורע, און אזוי ווי אלע חוקרים ואפיקורסים האלטן אז אלעס וואס דער מענטש איז מרגיש דאס איז דער אמת'ע רגש און שכל.

**און** דאס איז די ערגסטע זאך וואס מען דארף אנטלויפן פון דעם כמרחוק מזרח ממערב, און ווי חז"ל זאגן (עדיות ה') מוטב שאהיה שוטה כל ימי ולא אהיה רשע שעה אחת לפני המקום, און ווי דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן ק"ג) אז עס איז פוהל בעסער צו זיין א שוטה און גלייבן אפי' אין שטותים ווי צו זיין א חכם און זיין א חוקר רח"ל, און דאס איז דער אמת'ע דרך וואס מיר האבן מקבל געווען מרבותינו הק', צו זיין בטל ומבוטל צו צדיקי הדור צו מען פארשטייט יא אדער נישט, ווייל מיט חקירות קומט מען אן צו די ערגסטע, כדוג' ווען א מענטש גייט אריין אין א געוויסן מקום קדוש אדער ער איז מקיים א געוויסן מצוה, און ער האט נישט דערביי קיין שום רגש, אדרבה ער פילט א קאלטקייט און טרוקנקייט דערביי, וועט ער זאגן פאר מיר איז נישט געמאכט געווארן די תמימות'דיגע סגולות פון צו גיין ביי יענעם מקום קדוש אדער צו טוהן יענער מצוה, איך בין אסאך צו קליג צו דעם, דאס הייסט בחי' רשע לפני המקום ווייל ער איז א חוקר ודורש וואספארא מצוה איז יא פאר איהם און וואספארא מקום איז נישט פאר איהם, דאס הייסט קלי' עץ הדעת טוב ורע יניקת החיצונים, משא"כ דער דרך הביטול הגמור ואמונה שלימה צו צדיקי הדור און צו די תורה דאס איז דער ריכטיגע דעת דקדושה.

**ב] והנה** ארץ ישראל ווערט אנגערופן בבחי' דעת דקדושה דער מקום האמונה (ליקו"מ קנ"ה) **(ה)**, און ים סוף וואס איז בבחי' למטה מאר"י איז בבחי' עץ הדעת טוב ורע, און דאס איז די צוויי בחי' פון ליל הסדר און שביעי של פסח, דהנהביים ליל הסדר איז פארהאן גאר גרויסע גילויים בבחי' אמונה הקדושה בחי' א"י **(ו)**, וואס דאס ווערט אנגערופן מוחין דגדלות בבחי' זיווגא עליונה, וואס די אמונה שיינט מיט א בהירות און מיט די ריכטיגע דעת, און דאס איז וויבאלד דער פרע"ה קלי'

---

**(ה)** הגם בדרך כלל ארץ איז בחי' מלכות און נישט דעת, אבער עס איז דא א בחי' וואס מלכות איז דער פשט גילוי מלכות שמים וואס דאס איז דער שורש הדעת להתוודע [דעת] ולהיגלות [מלכות] כי הוא מלך על כל הארץ דער יסוד האמונה.

**(ו)** כידוע אז בליל הסדר האט השי"ת געפירט גאנץ כ"י קיין א"י כדי צו עסן דעם קרבן פסח אין ירושלים עיה"ק, און אזוי אויך איז ידוע אז דער יו"ט פסח ובפרט ליל הסדר איז דער שורש האמונה, ווי חז"ל זאגן בזכות האמונה נגאלו, און ווי דער רמב"ן איז מאריך סוף פר' בא אז יו"ט פסח איז דער שורש האמונה.

עור״ף ווערט אוועקגע׳הרג׳עט בסוד הפסוק בחצות לילה אני יוצא בתוך מצרים והכיתי וגו׳.

**משא״כ** שביעי של פסח איז בבחי׳ זוויגא דקטנות (עיין שעה״כ פסח י״ב) וואס דעמאלם איז כ״י געווען ביים ים סוף וואס איז בבחי׳ עץ הדעת טוב ורע, וואס עס איז געווען א בחי׳ פון בילבול המוחין אזוי ווי פרעה הרשע האט געזאגט נבוכים הם ״בארץ״, דהיינו אז אין בחי׳ ארץ דהיינו אמונה זענען זיי בבחי׳ נבוכים, אזוי ווי די אידן האבן געשריגן אויף משה רבינו ע״ה המבלי אין קברים וגו׳, דהיינו אז עס איז געווען א מורא׳דיגע חשכות אויף כ״י בבחי׳ והנה מצרים נוסע, וואס קלי׳ פרעה האט מבלבל געווען די דעת און האט געשריגן הללו עובדי ע״ז והללו וכו׳, וואס דורך דעם איז געווארן די בילבול ההרגשים, בבחי׳ ים סוף בסוד עץ הדעת.

**ג] והנה** עס ווערט געברענגט אין כתבי האר״י הק׳ (עיין שעה״כ פסח ג׳ ז׳) אז נאכן ליל הסדר ווערן די מוחין עילאין נעלם, און במשך די שבוע הראשון דימי הספירה הייבט מען אן ממשיך צו זיין נייע מוחין (ז), והנה אין די פינפטע טאג נאך יציאת מצרים, וואס דעמאלם איז בעצם געווען די ריכטיגע יציאה, אזוי ווי דער מדרש זאגט אז ביום רביעי ווען די שומרים וואס פרעה האט מיטגעשיקט מיט די אידן זעהן זיי זאלן צוריק קומען קיין מצרים, האבן געזעהן אז זיי קומען נישט צוריק זענען זיי געגאנגען צו פרעה איהם דאס צו זאגן, און אין די פינפטע טאג איז פרעה זיי נאכגעלאפן, ממילא קומט אוים אז בעצם ביי די פינפטע טאג איז נתגלה געווארן אז די אידן זענען ריכטיג ארוים פון מצרים, און אויף יענע זמן זאגט די פסוק נבוכים הם בארץ דהיינו די בחי׳ פון מוחין דקטנות, און דאס האט גורם געווען די גרויסע בילבול, און באלד דערנאך אינעם זעקסטן טאג איז מען ממשיך די גרעסטע מוחין דהיינו מוחין דגדלות ב׳ דאבא, והגם מען איז נאר ממשיך די התחלה פון די מוחין איז דאך די התחלה די גרעסטע הארה און דער עיקר .

**והנה** די קלי׳ פרעה איז מוכן ומזומן יונק צו זיין די פנימי׳ פון יעדן איד, וואס דאס איז בבחי׳ ד״ם יהודי וואס דם איז נוט׳ די שם אהי״ה בריבוע [א אה אהי אהי״ה], וואס דער שם אהי״ה איז די בחי׳ פון לבוש הדעת (ח), דהיינו אז ער טוהט מעכב זיין די השפעות פונעם מוח צו די מידות, וואס

---

**(ז)** און ווי אויבן דערמאנט איז די סדר המשכת המוחין בימי ספירת העומר אז ביום חמישי פון יעדע וואך איז מען ממשיך די מוחין דקטנות א׳ סיי דאבא און סיי דאימא, דהיינו אז יעדע יום חמישי איז בעצם די נידריגסטע טאג כלפי המשכת המוחין, און די זעקסטע טאג הייבט מען אן ממשיך צו זיין גדלות ב׳ דאבא, און ביום ז׳ ווערט נגמר די המשכה, ולכן ווערט יום הו׳ אנגערופן בבחי׳ התחלת מוחין דגדלות ב׳ דאבא, וואס דאס איז די שטערקסטע מוחין.

**(ח)** ווי מיר האבן שוין דערמאנט אז דער שם הוי״ה איז בבחי׳ עצמיות החסדים והדעת, און די שם אהי״ה איז די בחי׳ פון די לבושי הדעת, וואס דאס איז דער פשט וירא הוי״ה כי סר לראות, דהיינו אז ווען א

דורך דעם פאלט דער מענטש אריין אין נפילות וירידות און ער ווערט בבחי' חשכות, ממילא פאלט ער אריין אין חקירות וואס דאס איז בבחי' הללו עבדו ע"ז רח"ל, און אזוי דערנאך האט ער די יניקה אינעם נצח הוד יסוד פונעם מענטש בבחי' עין הדעת וכו'.

**אבער** מען דארף צו וויסן אז חסד גדול עשה לנו השי"ת, אז בשעת די קלי' פרעה האט שוין אריינגעכאפט דעם מענטש אין זייער נעץ, דהיינו אז זיי זענען שוין אין די מקום נצח הוד יסוד פונעם מענטש, געפונט זיך שוין נישט פרעהביים עורף מקום הדעת, וויבאלד ער איז יעצט אינעם חלק התחתון בבחי' עין הדעת, ממילא איז דעמאלט גאר א גרויסע עת רצון אז דער מענטש זאל זיך קענען צוריקכאפן צום שורש הדעת הקדושה דורך תשובה שלימה מיט אמונה פשוטה, און אזוי קען דער מענטש ממשיך זיין נייע מוחין עילאין, ווייל קיינער איז איהם נישט מעכב ווייל די קלי' זענען יעצט פארנומען מיט מלקק זיין די ד"ם יהודי בבחי' יסורי הגוף והנפש פונעם איד, ממילא איז ער בכלל נישט ביים מקום העורף, דאס איז דער ביאור הענין פארוואס ביי יעדע ירידה איז בעצם א גרויסע עת רצון אויף עליה בעבודת השי"ת (ט) בבחי' ירידה לצורך עליה.

**ד] און** דאס איז דער פשט אז בשביעי של פסח ווערט נתעורר אורו של משיח (עיין שעה"כ דרוש שביעי של פסח), ווייל ביים ים סוף זענען די אידן געווען מלא יסורים בבחי' ויצעקו בני ישראל, קודם כל ווייל זיי האבן פארלוירן די מוחין עילאין פונעם ליל הסדר און דערנאך ווייל זיי זענען אריין אין א שפלות בבחי' הללו והללו, דייקא דעמאלס האבן זיי ממשיך געווען די גרויסע אור בבחי' בעתיקא תליא מילתא דהיינו בחי' כתר, וואס דאס איז די בחי' פון די ה' אלפי"ן פונעם פסוק אמר

---

מענטש זינדיגט טוהט השי"ת מסלק זיין פון איהם בחי' שם הוי"ה כדי די פגם זאל נישט זיין אזוי גרויס ואכהמ"ל.

**(ט)** ולכן איז ידוע פון צדיקים זי"ע אז דער עיקר עבודת התשובה דארף זיין מיט אמונה שלימה אז השי"ת איז איהם מוחל, כמאמר החכם אם אתה מאמין שיכולים לקלקל תאמין שיכולים לתקן, ווייל דער זעלבע תורה וואס האט געזאגט אז דאס איז אן עבירה, האט אויך געזאגט אז עס איז פארהאן א מצוה פון תשובה וואס רייניגט אוים אלעם און מען ווערט כקטן שנולד דמי.

און ווי דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט געזאגט אז ווי נאר מען זאגט סלח לנו וכו' זאגט מען גלייך בא"י חנון המרבה לסלוח, דהיינו אז מען דאנקט שוין אויפן סליחה איז אויב דער מענטש גלייבט נישט אין דעם זאגט ער דאך ממש א ברכה לבטלה רח"ל, און ווי צדיקים האבן געזאגט אז דאס איז דער פשט פונעם חז"ל רשעים מלאים חרטות ולכאו' אויב ער האט חרטה איז ער דאך נישט בבחי' רשע, נאר וויבאלד ער גלייבט נישט אינעם מחילה פון השי"ת איז ער בבחי' רשע, און דאס זעהן מיר דא אז דער עיקר תשובה איז מכח המשכת המוחין וואס איז בבחי' אמונה דעת דקדושה ודו"ק.

איוב ארדוף אשיג אחלק (י), דהיינו אז דייקא דורך די רדיפות פרעה האט זיך געעפנט די מוחין און מען האט געקענט ממשיך זיין מוחין עילאין בבחי' כתר העליון בחי' אורו של משיח, און דאס איז דער ביאור ענין סעודת הבעש"ט הק' זי"ע וואס דער הייליגע בעש"ט זי"ע האט מתקן געווען אז שביעי של פסח זאל מען עסן א סעודה וואס ווערט אנגערופן סעודה של משיח, וויבאלד אין די הייליגע זמן פון ז' של פסח ווערט נתעורר אורו של משיח, און ווי עס ווערט דערציילט אז רבי נתן זי"ע האט אמאהל געזאגט צו זיין תלמיד ווען איך זעה אז די האסט מוחין דגדלות איז נישט קיין שום חכמה צו דינען השי"ת, דער עיקר חכמה איז ווען מען איז אין א שפל המצב, און דייקא דורך די עבודה טוהט מען מקרב זיין ביאת המשיח (יא), בסוד הפסוק ויושע הוי"ה ביום ההוא את ישראל מיד מצרים בבחי' בעתיקא תליא מילתא וואס דאס איז די בחי' לידת האורות של ליל הפסח וואס איז נאר בבחי' עיבור, ווי חז"ל זאגן ג' מפתחות ביד הקב"ה און איינע פון זיי איז ביי יעדע לידה, וואס דאס איז די בחי' לידת המוחין של ליל הסדר בשביעי של פסח, זאל השי"ת העלפן מיר זאלן שוין טאקע זוכה זיין ממשיך צו זיין מאור הכתר די גאולה שלימה און נשמת משיח צדקנו בביאת גואל צדק בב"א.

## עבודת מנהגי החומרות של פסח

**א] הנה** עס איז באקאנט אז עס איז פארהאן צוויי בחי' אין עבודת השי"ת, יהודא עילאה בחי' חכמה, יהודא תתאה בחי' בינה, דהיינו די בחי' פון יהודא עילאה איז אז דער מענטש איז זיך מתבונן מעהר און מעהר אין גדלות הבורא ית"ש וית', ביז ער קומט אן צו א מצב אז דער גאנצע בריאה איז בלויז בהירות אלקות ממש, בבחי' חכמה וואס דאס איז בחי' רחל.

**און** דער דרך פון יהודא תתאה איז דער בחי' פון עבודת השי"ת בתורה ותפילה דהיינו בבחי' בינה, אז דער מענטש איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים ביגיעה ועבודה, וואס דאס איז בחי' לאה (יב).

---

**(י)** כידוע פון צדיקים אז יעדע יאהר שביעי של פסח ווערט נתעורר א נייע אור אינעם פסוק אמר איוב וגו' די ה' אלפי"ן.

**(יא)** און ווי מיר האבן שוין מבאר געווען אז דאס איז אויך דער ענין אז ביי מנחה ערב שבת קודש, איז א זמן מעורר צו זיין די גאולה שלימה, וויבאלד עס איז גאר א נידריגע זמן בבחי' ערבי שבתות די טינקלקייט פון די ערבי שבתות.

**(יב)** כידוע איז בחי' לאה ורחל צוויי בחי' אין מלכות, דהיינו אז לאה איז די העכערע בחי' פון מלכות וואס איז אקעגן די ז"א און רחל איז די קלענערע בחי' פון מלכות, אבער פון די אנדערע זייט איז רחל יונק

**אבער** די שלימות העבודה איז בבחי' דעת וואס איז מקשרביידע צוזאמען, וואס צו דעם איז מען זוכה בחג השבועות דורך קבלת התורה הק', וואס דורכן תורה"ק איז מען זוכה צו דער שלימות הדעת, און ממילא קען מען זוכה זיין צו די ביידע עבודות.

**ב] והנה** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (חולין ס' ע"ב) אז בשעת בריאת העולם ווען השי"ת האט באשאפן די שני המאורות הגדולים, האט די לבנה מקטרג געווען און געזאגט צו השי"ת, אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד, און דערנאך האט הקב"ה ממעט געווען די אור הלבנה און איהר גאצע ליכטיגקייט קומט נאר מכח די שמש, כידוע אז בשעת בריאת העולם זענען די ז"א און די נוקבא געשטאנען אחור באחור שווים בקומתם, און נאכן קיטרוג הלבנה איז די קומת המלכות נתמעט געווארן (יג) (עיין ע"ח שער מ"ז פ"ו).

**והנה** די שני המאורות דהיינו די שמש וירח זענען די בחי' פון תורה און תפילה, דהיינו שמש איז בבחי' תורה בסוד הפסוק שמש צדקה ומרפא וואס דאס איז דער עבודה בבחי' יהודא תתאה, בחי' ז"א דהיינו די עבודה בפשטות מיט אלע מידות און מיטן גאנצע בריאה, און די לבנה איז בבחי' תפילה אז עס זאל שוין זיין דער התגלות אלוקותו ומלכותו ית"ש בבחי' יהודא עילאה, בחי' מלכות דהינו די עבודה פון מברר זיין אז די גאנצע בריאה איז אלקותו ית"ש ממש.

**וכידוע** אז די מוחין דז"א זענען קליינע מוחין (יד) וואס דאס איז די לשון זעיר אנפין בסוד יהודא תתאה, ולכן האט די לבנה גע'טענה'עט אז עס איז

---

איהר יניקה פון חכמה און לאה פון בינה, ווי די לשון הזוה"ק אבא יסד ברתא דהיינו אז חכמה וואס איז בבחי' אבא איז משפיע אויפן מלכות וואס איז בחי' נוק', בסוד הפסוק הוי"ה בחכמה יסד ארץ וואס ארץ איז בחי' מלכות, און לאה איז בסוד הפסוק כונן שמים בתבונה דהיינו אז לאה וואס איז בבחי' שמים [בחי' ז"א וואס לאה שטייט קעגן זער ז"א], איז יונק איהר יניקה פון בינה,

און בדרך רמז איז די קשר כידוע אז בנו של רחל איז יוסף וואס דער תרגום זאגט בר חכים הוא ליה אז ער איז בבחי' חכמה, און ביי לאה זעהן מיר אז דער עבודה איז בהשתוקקות בסוד הפסוק ועיני לאה רכות, דהיינו די עבודה בדרך פשטות בדביקות והשתוקקות.

**(יג)** כידוע אז די שמש איז בבחי' ז"א [דהיינו די ו' מידות] וואס זי איז משפיע אויפן לבנה וואס איז בבחי' מלכות ווייל לית לה מגרמא כלום נאר איהר גאנצע אור קומט נאר פונעם השפעת השמש, אזוי ווי מידת מלכות איז איהר גאנצע שפע מכח די ז"א.

איז פארן קיטרוג הלבנה זענען ביידע געווען שווים בקומתם וואס דאס איז גאר א הויכע מדרגה אבער עס איז געווען בבחי' אחור באחור, משא"כ נאכן קיטרוג איז די מלכות פארקלענערט געווארן און איז נישט שוה בקומתה,

**(יד)** כידוע אז די שמש איז בבחי' ז"א [דהיינו די ו' מידות] וואס זי איז משפיע אויפן לבנה וואס איז בבחי' מל(יד) וואס דערפאר איז שטענדיג די עבודה פון ממשיך זיין מוחין צו די מוחין דז"א, זיי צו פארשטערקערן

אוממעגליך אז דער מענטש זאל דינען השי"ת בקביעות מיטביידע בחי' יהודא עילאה און יהודא תתאה, ווייל די בחי' פון יהודא עילאה איז אז דער גאנצע מציאות איז בלויז אלוקות ממש, וא"כ וויבאלד א מענטש איז קלאר אין די עבודה ווערט ממילא אפגעשוואכט די כח ההתגברות איפן יצה"ר, ווייל ער איז קלאר בבהירות אז ווי נאר ער טוהט תשובה ווערן פון אלע עבירות זכיות ממש, און עס איז גאר א גרויסע סכנה דער מענטש זאל ח"ו נישט ארייגפאלן אין שאול תחתית רח"ל, און פון צווייטן זייט טאמער א מענטש האט נאר די כח פון יהודא תתאה, דהיינו דער עבודת השי"ת בפועל ממש כשור לעול וכחמור למשא, פעהלט איהם שטארק די עבודה פון התבוננות באלקותו ויחודו ית"ש, און וועגן דעם האט זיך די לבנה ממעט געווען און ממילא איז די כח התורה גאר שטארק, און דער עיקר עבודה איז בפשטות וביגיעה, און ווי חז"ל זאגן אז תפילה איז פון די דברים העומדים ברומו של עולם אבער די מציאות איז אז בני אדם מזלזלים בה, ווייל די בחי' פון יהודא עילאה איז פארקלענערט געווארן.

**ג] והנה** ליל התקדש חג ווען אידן גייען ארויס יעדער איינער פון זיין בחי' מצרים, קומט אראפ גאר גרויסע מוחין פון התחדשות גמורה ממש, און כדי מען זאל זיך קענען אויפהייבן בעבודת השי"ת, קומט אראפ א גרויסע אור פון יהודא עילאה בחי' רחל, כדי מען זאל נישט ארייגטראכטן וואס עס איז געווען פריער, ווייל אזוי דארף א בעל תשובה צו לעבן מיטן געדאנק אז עס איז נישט קיין שום נפק"מ וואס עס איז געווען ווייל יעצט כרגע איז דאך אלעם אור אחדותו ית"ש ממש, און וועגן דעם האבן מיר אינעם יו"ט פסח גאר אסאך חומרות מרבותינו הק', ווייל מען דארף זיך אינעם יו"ט פסח דערוויטערן פון יעדע שמץ מחשבה של חמץ ועבירה בבחי' בל יראה ובל ימצא, וואס דאס איז בבחי' לאה בינה התבוננות, ולכן איז דער בחי' פון ליל הסדר זיווגא עילאה (זוה"ק פר' אמור) ווייל דאס איז בחי' רחל בחי' חכמה, אבער דאס איז קלאר אז ווי נאר דער מענטש איז טאקע בבחי' יציאת מצרים, ווערט ממילא נתקן די בחי' יהודא תתאה ווייל במציאות ווערט ער דאך אויסגערייניגט מכל שמץ של דופי.

**און** דאס איז די בחי' מעין דלעתיד לבא די בחי' פון קומה בקומה שווים בכתרם, אבער בליל הפסח איז עס נאר בבחי' לחם עוני דהיינו אז אונז האבן נישט בעצם קיין כלים זיך צו פירן מיט ביידע בחי', ולכן דארף מען זיך אפהיטן בבחי' להפקיד שומרים כל היום וכל הלילה, און דאס איז אויך די בחי' פון מצה שמורה דהיינו אז עס איז אפגעהיט פון אלע חיצו'

---

כדי עס זאל קענען זיין א יחוד צווישן ז"א מיטן נוק', וואס כידוע קען א יחוד נאר ווערן דורך שטארקע מוחין.

וואס ווערן נתעורר דורך בחי' לאה, זאל השי"ת העלפן מיר זאלן טאקע זוכה זיין צו די אלע גרויסע מדרגות בשמירה העליונה אמן.